**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/3/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט לאנג איילענד רעיל-ראוד עפנט אויף צוריק וויליס עווועניו אין מינעאלע, פארענדיגנדיג אלע פון די LIRR פארברייטערונג פראיעקט׳ס אכט רעילראָוד איבערגאנג עלימינירונגען**

***פארברייטערונג נעמט אריין דריטע טרעק צוגאב וועלכס וועט רעדוצירן געדראנג, פארברייטערן LIRR קאפאציטעט מיט 50%***

***יוניאן פירער אינאיינעם מיט עם-טי-עי פירער וועלן אפמערקן דאס פארענדיגן פון דער אָנדערפּעס פאזע פון מעגא-פראיעקט אונטערגעהאלטן דורך הונדערטער קאנסטרוקציע ארבעטער - בילדער צו באקומען [דא]***

***לעצטע צוויי רעילראָוד איבערגאנגען עלימינירט - וויהיקל טראפיק פליסט איצט דורך דער דאפלטער אָנדערפּעס***

***איבערגאנג עלימינירונגען פארבעסערן זיכערהייט, הייבן קאמיוניטי לעבנס-קוואליטעט דורך רעדוצירן טראפיק בּעק-אַפּס, קולות פון באן הארן און ווארענונג גלעקל***

***עם-טי-עי ברענגט בענעפיטן צום פובליק אפילו אין דער צייט וואס LIRR פארברייטערונג פראיעקט גייט ווייטער אן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דאס צוריקעפענען פון וויליס עווועניו אין דאונטאון מינעאלע, מיט׳ן אויפדעקן א ראוד וועלכע גייט דורך אונטער צוויי נייע רעילראוד בריקן. דער אָנדערפּעס ערזעצט א פּאַר גאס-שטאפל רעילראָוד איבערגאנגען וועלכע זענען פאר צענדליגע יארן געווען אן אנשיקעניש צו דערבייאיגע איינוואוינער מיט׳ן זיך לאזן הערן מיט די הארן פון באן און די אריבערגאנג גלעקלעך, און פאר מאטאריסטן וועלכע האבן געדארפט מיטמאכן טראפיק בּעק-אַפּס מיט דאס פארמאכן פון די אריבערגאנג טויערן. די איבערגאנגען זענען געווען די זיבעטע און אכטע פון די אכט עלימינירט צו ווערן לענגאויס דער LIRR מעין-ליין קארידאר אין אונטער צוויי יאר אלס טייל פון דער פראיעקט.

״דער גרויסער גרייכפונקט אין דער LIRR פארברייטערונג איז נאך אן עדות אויף אונזערע פעסטער אנטשלאסנקייט אלס ניו יארקערס נאכצויאגן גרויסע און דרייסטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אפילו ווען מיר שטייען אויס דער מערסט-אומפאראויסזעעדנע און איבערנעמענדע אומשטענדן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דער דריטער טרעק פראיעקט וועט זיין אן אומשאצבארע אייגנשאפט אין ניו יארק׳ס פאסאזשיר רעיל-ראוד נעטווארק צוליב דעם וואס עס וועט מאכן דאס פארן אויפ׳ן LIRR באקוועמער און זיכערער, און אין דער זעלבער צייט באדייטנד פארברייטערן באן קאפאציטעט, און מיר זענען שולדיג א חוב צו די מיטגלידער פון אונזער ארבעטסקראפט וועלכע זענען געווען אויפ׳ן ארט און שווער געארבעט צו אנצוהאלטן דעם פראיעקט לויט׳ן סקעדזשיול דורכאויס דער פאנדעמיע.״

לאנג איילענד ׳בילדינג טרעידס׳ פירער מעטיו אראסיטש, ׳סמארט׳ יוניאן פירער אנטאני סיימאן, און ארבעטער וועלכע האבן פארענדיגט די לעצטע אָנדערפּעסן אויף דער דריטער טרעק פראיעקט האבן געשניטן דעם ריבּען געהאלטן דורך עם-טי-עי פירער אויף אפיציעל אויפצועפענען די לעצטע זיכערהייט פארבעסערונגען. דער דריטער טרעק פראיעקט וועט ברענגען פארבעסערטע סערוויס צו לאנג איילענד, אריינגערעכנט מער צוריקצוועגס-קאמיוטינג אפציעס, און ווערט איצט פארענדיגט דורך הונדערטער קאנסטרוקציע ארבעטער וועמענס פאכמאנישקייט רעכענען אריין עלעקטרישענס, אייזן ארבעטער, לעיבארער, טיעמסטערס, סטאליערס און פיל מער.

״דאס איז א גרויסער גרייכפונקט אויף וואס בלייבט דער סיגנעטשור מוסטער פון דעם עם-טי-עי׳ס נייע צוגאנג צו ליפערן קאפיטאל פראיעקטן באצייטנס און לויט׳ן בודזשעט,״ **האט געזאגט עם-טי-עי במקום-פארזיצער און סי-איי-או דזשענא ליעבער.** ״איידער דאס אנהייבן דעם LIRR פראיעקט איז געווען מער ווי 21 יאר זינט דער לעצטער איבערגאנג עלימינירונג, אבער א דאנק אונזער נייע צוגאנג פון טון קאפיטאל ארבעט, האט דער דריטער טרעק פראיעקט טיעם עלימינירט אכט פארנומענע רעילראָוד איבערגאנגען אין ווייניגער ווי צוויי יאר. דאס איז אויך א מוסטער פון וויאזוי מיר דעזיגנירן פראיעקטן צו ברענגען פערטיגע שטאנדטיילן צו דעם פובליק אן צוווארטן פאר דער גאנצער פראיעקט געענדיגט צו ווערן.״

**לאנג איילענד רעיל-ראוד פרעזידענט פיליפ ענג האט געזאגט,** ״א דאנק דער לעצטער גראד איבערגאנג עלימינירונג גרייכפונקט איז דער קאמפליצירטער טייל פון אונזער רעיל-ראוד סיסטעם נאך זיכערער פאר אונזערע קאסטומערס און אונזער שטאב, ווי אויך פאר מאטאריסטן , ציקליסטן, און פוסגייער אין די קאמיוניטיס וועלכע מיר סערווירן. דער LIRR פארברייטערונג פראיעקט איז שטענדיג געווען וועגן שאפן א זיכערער, באקוועמערער, און שטערקערער רעיל-ראוד פאר די מיליאנען מענטשן וועלכע ניצן עס יעדעס יאר. איך שטאלציר מיך צו קענען זאגן איז מיט יעדער צייטווייזע פארענדיגונג מאכן מיר דאס א ווירקליכקייט פאר קאסטומערס היינט און פאר צוקונפטיגע דורות פון רעיל-ראוד פארער.״

**מעטיו אראסיטש, פרעזידענט פון דער געבוי און קאנסטרוקציע פאכלייט קאונסיל פון נעסאוי און סופאלק קאונטיס, האט געזאגט,** ״דער דריטער טרעק פראיעקט איז א פראדוקט פון דאס ארבעטן אינאיינעם דורך די פריוואטע און פובליק סעקטארן אויף צו ברענגען אויפ׳ן בעסטן אופן א פראיעקט וועלכס וועט בענעפיטן דעם פובליק אויף צענדליגע יארן אין דער צוקונפט. די עכטע העלדן הינטער דעם פראיעקט זענען די ארבעטער, וועלכע זענען אפילו אין לויף פון דער פאנדעמיע זיך באוויזן צו די ארבעט זיכער צו מאכן אז דעדליינס ווערן געטראפן און דער פראיעקט בכלל ווערט געפערטיגט באצייטנס.״

**אנטאני סיימאן, גענעראל פארזיצער פון דער ׳סמארט׳ יוניאן, האט געזאגט,** ״עס איז גאר א גלייכער זאך אז באלד בעפאר לעיבאר דעי וועלן מיטגלידער פון ארגאניזירטע ארבעטער זיך צוזאמקומען אויף זיך משמח צו זיין וועגן דאס פארענדיגן פון נאך א גרויסער פראיעקט. די ארבעט וואס ווערט געטון טאג איין טאג אויס גייט נישט ארויף אומבאמערקט -- אונזער ארבעטסקראפט באווייזט זיך, טרעט פאראויס, און דעליווער׳ט, און עס איז זיי צו פארדאנקען אז דער רעיל-ראוד וועט זיין פיל זיכערער און באקוועמער פאר לאנג איילענדערס.״

אריינגערעכנט וויליס עוועניו האבן זיך זעקס איבערגאנגען צוריק געעפנט פאר טראפיק זינט סעפטעמבער 6, 2019, ווען מאנשאפטן האבן צוריק אויפגעעפענט אורבען עוועניו אין ניו קאססעל אלס אן אָנדערפּעס. אין ניו הייד פארק האבן מאנשאפטן צוריק געעפנט קאווערט עוועניו אום אקטאבער 12, 2019, און ניו הייד פארק ראוד אום אויגוסט 24, 2020. אין וועסטבורי האבן מאנשאפטן צוריק געעפנט סקול סטריט אום נאוועמבער 13, 2020. צוויי איבערגאנגען, ביי סט. 12׳טע סטריט אין ניו הייד פארק, און מעין סטריט אין מינעאלע, זענען פארשלאסן געווארן אום אקטאבער 24, 2020, און פעברואר 27, 2021. מאנשאפטן בויען א פוסגייער אָנדערפּעס ביי סאוט 12׳טע סטריט, און א פוסגייער אָווערפּעס ביי מעין סטריט.

דאס עלימינירן דער וויליס עווענױ איבערגאנג איז אייגנארטיג צוליב דעם וואס עס אנטהאלט צוויי באזונדערע איבערגאנגען. דער ניי-געבויטער אָנדערפּעס נעמט מאטאריסטן אומגעשעדיגט אונטער די טרעקס פון דער מעין ליין און דער אויסטער-בּעי צווייג, העלפנדיג וויהיקל און פוסגייער טראפיק צו קענען פליסן פרייערהייט, רעדוצירנדיג וויהיקל פארפעסטיגונג ארויסלאז, עלימינירנדיג די קולות פון די ווארענונג גלאקן און באן הארן, און פארבעסערן דער קאמיוניטי׳ס לעבנס-קוואליטעט.

עם-טי-עי קאנסטראקשען און דעוועלאפמענט׳ס צייטליכע עלימינירונג פון די איבערגאנגען איז בלויז איין באדייטנדע פריצייטיגע בענעפיט פון דער טראנספארמירנדע פארברייטערונג פראיעקט, וועלכס וועט אויך אנטהאלטן דאס באנייען פון סטאנציעס, הייבנדיג בריקן און פארבעסערנדיג סוויטשעס און אינפראסטרוקטור בעפאר מאנשאפטן לייגן צו א דריטער טרעק צו דער LIRR׳ס מעין ליין צו רעדוצירן געדראנג, פארברייטערן דער רעילראָוד׳ס קאפאציטעט מיט ביז 50 פראצענט אין צוזאמענהאנג מיט סערוויס צו גרענד צענטראל טערמינאל, און הייבן צוריקצוועגס-קאמיוּטינג צו לאנג איילענד פון ניו יארק סיטי.

אינאיינעם וועלן די פארבעסערונגען העלפן טראנספארמירן טראנספארטאציע לענגאויס דעם ראיאן און גיבן א פארלעסליכע, טעכנאלאגיש פארגעשריטענע רעיל-ראוד סיסטעם פאר לאנג איילענדערס. פאר מער אינפארמאציע אויף די 100+ פראיעקטן וועלכע שטייען גרייט צו טראנספארמירן דעם LIRR, באזוכט aModernLI.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן